# די גאָלדענע קייט

פֿערטליאָר־שריפֿט פֿאַר ליטעראַטור
און געזעלשאַפֿטלעכע פּראָבלעמען

50

אַרויסגעגעבן פֿון ההסתדרות הכללית של העובדים העברים בארץ־ישראל

1964 תל־אָביב

ק. צעטניק / תּל־אָבֿיבֿ

# נקמה

— 1 —

ער איז געגאַנגען.

הינטער זײַן רוקן איז אויפֿן הימל נאָך געלעגן אַ שטיק נאַכט, נאָר פֿון פֿאָרנט איז דער פֿעברואַר־טאָג שוין געווען אין גאַנצן אין דרויסן. זײַן פּנים איז געווען אין דער ריכטונג צום מיזרח.

מ'זאָגט, אַז דער רוצח מוז אין איינעם פֿון די טעג צוריקגיין צום אָרט ווו ער האָט אויסגעפֿירט דעם מאָרד, נאָר קיינער ווייסט נישט אַז אויך דער קרבן קומט צוריק צום אָרט ווו ער איז געוואָרן דערמאָרדעט. מעגלעך אַז דאָס רופֿט דער דערמאָרדעטער זײַן מערדער צו דער באַגעגעניש. און מעגלעך אַז דער רוצח גייט דאָרט אַהין, כּדי אַ צווייט מאָל צו מאָרדן דעם זכר פֿון זײַן קרבן וואָס גיט אים נישט קיין מנוחה?

ער איז געגאַנגען פֿון אוישוויץ. זײַנע פֿיס האָבן אים געטראָגן צום אָרט אין געטאָ פֿון וואַנען זיי האָבן אים אַרויסגעפֿירט קיין אוישוויץ.

נישט אין אוישוויץ, נאָר נאָך אין געטאָ, איז אין אים שוין אַלץ געוואָרן דערמאָר־דעט. צום אוישוויץ־פּלאַנעט איז ער איבערגעגאַנגען ווי עס גייען אַריבער טויטע צו אַ צווייטער וועלט. איצט איז ער געגאַנגען אויף דעם שנייִיקן שאָסיי ווי גײַסטער פֿון אַנדערע וועלטן וואָס פֿאַרבלאָנדזשען צוליב אומבאַוווּסטע סיבות צו אונדזער ערד, זיי גייען צווישן אונדז, כאָטש מיר זעען זיי נישט. מיליאָנען קולות אין אים האָבן איצט גערופֿן דעם רוצח צו דער באַגעגעניש.

ער איז געגאַנגען. פֿון ביידע זײַטן שאָסיי האָט זיך געצויגן אַ געדיכטער וואַלד. די קעפּ פֿון די נאָדלביימער זענען געווען געהילט אין קאָלפּאַקן פֿון ווײַסן שניי. פֿון צווישן די ביימערשטאַמען האָט נאָך אַרויסגעהויכט צום שאָסיי אַ לעצטער צאַפּל פֿון דער דײַטשער סכּנה. נאָר ער האָט דאָס איצט מער נישט געקאָנט פֿילן.

אייגנטלעך איז דער שטח פֿון פּוילישן אייבער־שלעזיע שוין געווען אין די הענט פֿון דער רויטער אַרמיי, נאָר בלאָנדזשענדיקע רעשטן פֿון וואָפֿן־ס.ס. האָבן זיך נאָך אויס־באַהאַלטן אין די אַרומיקע וועלדער, און דער פֿאַרלײַזיקטער געשטרײַפֿטער קאַצעט־לבֿוש אויף זײַן סקעלעטישן לײַב וואָלט איצט געקאָנט דינען יעדן ס.ס.־מאַן ווי אַ גוטער רעטונג־מיטל זיך צו קאָנען אַרויסבאַקומען פֿון צווישן די אײַזערנע פֿינגער פֿון דער רויטאַרמייִשער פֿאַרקוועטשטער פֿויסט.

די באַפֿרײַונג איז אויף אים אָנגעגאַנגען ווי אַ פֿאַרפֿלייצונג. נאָר ער האָט זי נישט געזען, ווי עס זעט נישט אַ זיך טרינקענדיקער דעם ים אין וועלכן ער זינקט.

הינטער דער הויט פֿון זײַן סקעלעט האָט נאָך אַלץ געקלאַפּט דער דופּק פֿון מענטשלעך בלוט, ווײַל אַזוי איז דאָס געזעץ פֿון דער נאַטור וואָס הערשט אויף אונדזער

ערד. אין די אַלע שטעט און דערפֿער ווּ ער איז נעכטן אַדורכגעגאַנגען האָט די באַפֿרײַונג צו אים געלאַכט פֿון אַלע פֿענצטער און זיך אים אָנגעבאָטן. נאָר ער איז געווען ווי אַן אַסטראָנאַווט וואָס איז צוליב אַ דעפֿעקט אַרויסגעוואָרפֿן געוואָרן פֿון זײַן קאַפּסול צו אַן ערגעץ ווּ די מאַגנעטישע צוציִונג־קראַפֿט פֿון דער ערד דערגרייכט מער נישט און צו קיין נײַעם שטערן איז ער נישט דערגאַנגען.

דער שאָסיי איז געווען לאַנג און ליידיק. שנייִיקער וואַלד פֿון ביידע זײַטן. שטומע נאַקעטע ווינטערביימער, אויסגעשטעלטע ווי מוזלמענער אויף די אוישוויצער אַפּעל-פּלעצער. זיי האָבן צו אים געקוקט. ער איז געגאַנגען איינער אַליין אין דער מיט פֿון שאָסיי ווי אין אַ ווײַסן קאַנאַל וואָס ציט זיך ביז צום האָריזאָנט, און ער האָט געטראָגן אין זיך זייערע בליקן.

געווען מאָמענטן ווען ער האָט פּלוצלינג אָנגעהויבן לויפֿן. דאָס האָט פּאַסירט ווען פֿון מיזרח האָט אַן אויפֿגייענדיקער שטראַל פֿון דער זון אָנגעצונדן דעם שטערן פֿון זײַן אָפּגעגאָלטן שיידלקאָפּ. אין יענער רגע פֿון אויפֿגייענדיקער זון האָט ער דערפֿילט די באַפֿרײַונג ווי אַרויסגעשפּראָצטע פֿליגלען פֿון זײַנע אַקסלען. ער האָט זיך אַ הייב געטאָן, ווי ער וואָלט געשוועבט, בשעת הינטער אים איז זײַן גוף אים נאָכגעגאַנגען ווי דער קאַצעט־לבֿוש וואָלט אים נאָכגעלאָפֿן, אַן אויסגעליידיקטער, אין ווינט.

אין יענעם אויגנבליק האָט ער אַ כאַפּ געטאָן די באַפֿרײַונג אויף זײַנע פּלייצעס ווי אַ שטיק לײַכטנדיקע זון, און איז מיט איר געלאָפֿן צו דער געטאָ. דאָרט, אין געטאָ, וועט ער ערשט די באַפֿרײַונג אויף אַן אמת פֿילן. ווײַל פֿון דאָרט וועט עמעצער צו אים אַקעגנ־לויפֿן מיט אויסגעשפּרייטע הענט, מיט האָר צעפֿאַליעטע אין ווינט. זי וועט אַרײַנפֿאַלן אין זײַנע אָרעמס. זי וועט קושן זײַן אָפּגעגאָלטן סקעלעטן־קאָפּ, און פּליסטערן אים אין אויער: געליבטער, איך האָב געוווסט אַז דו וועסט קומען אַהער... איך האָב דאָ געוואַרט אויף דיר...

— 2 —

די געטאָ איז געלעגן צוגעדעקט מיט אַ ווײַסן שנייִיקן געוואַנט. ווי מיט אַ כּוונה: ששש... ס׳האָט דאָ גאָרנישט ניט פּאַסירט. ס׳איז דאָ קיין מאָל גאָרנישט ניט געווען. דער שניי דעקט דאָ גאָרנישט ניט צו.

לער. ווײַסע ליידיקייט.

קיינער איז צו אים דאָ נישט אַקעגנגעלאָפֿן. ער האָט דאָס גוט געוווסט נאָך איידער ער איז דאָ אַהער געקומען. ער האָט בלויז נישט געוווסט אויף וועלכער זײַט פֿון מוח די שימחה פֿון דער באַפֿרייונג האָט צו אים אַ שײַן געטאָן. דער דופֿק פֿון נײַעם לעבן האָט בלויז אויף אַ ווײַלע אין אים אַ לײַכט געטאָן צווישן דמיון און ווירקלעכקייט, און צוגעדעקט די האָר־דינע גרענעץ צווישן זיי.

ער האָט שווער געהויבן זײַנע פֿיס. און געשטעקט זיי איינעם נאָכן אַנדערן אינעם טיפֿן שניי. ער איז געווען ווי אַ פֿלעק אויף דער ברייטער אויסגעגאָסענער ווײַסקייט און געפֿילט אַ שטייגער ער וואָלט די זינד באַגאַנגען. ווײַל פֿאַר וואָס איז דווקא ער דער איינציקער לעבעדיקער אויף דער דאָזיקער ווײַסער טויטקייט? מיליאָנען קולות אין אים האָבן גערופֿן דעם רוצח צו אַ באַגעגעניש.

גאָט, ווּ איז די מאָס פֿאַר נקמה?

— 3 —

דאָ, אין דעם פֿינצטערן בונקערלאָך, האָט ער זי געזען צום לעצטן מאָל. דאָ האָבן זיי זיך צעשיידט. זי — באַזונדער קיין אוישוויץ; ער — באַזונדער קיין אוישוויץ. ער האָט אָנגערירט די שטיינערנע וואַנט ווו זי איז געשטאַנען. ער האָט אַרומגענומען מיט די הענט די לופֿט אַ שטייגער זי וואָלט געווען צווישן זײַנע אָרעמס.

דאָ, אין דעם פֿינצטערן בונקער, האָבן הענט דערשטיקט אַ קינד וואָס האָט נישט געוווסט אַז מען טאָר נישט וויינען בשעת דײַטשן זוכן די באַהעלטעניש פֿון ייִדן. מען האָט זיי אַלע סײַ ווי דערנאָך אַרויסגעשלעפּט טויטע און האַלב־טויטע. קיין איינער איז דאָ נישט געבליבן.

ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט צו דער ערד, ער איז צוריק אַרויסגעקראָכן דורך דעם אויפֿגעבראָכענעם לאָך פֿון בונקער. אין דרויסן איז די לייטער צום בוידעם געשטאַנען ווי מיט צוויי יאָר צוריק. ער איז אַרויפֿגעקראָכן צום בוידעם. אין ווינקל, הינטער אַ בעלקע, איז געלעגן דער איינציקער העפֿט אַזוי ווי ער האָט אים דאָ פֿאַרשטעקט. בלויז די איבערשריפֿט איז נאָך קלאָר צו זען: „טאָגבוך פֿון דאַניעלאַ פּרעלעשניק".

פּלוצלינג האָט די ווירקלעכקייט זיך אויף אים אַראָפּגעלאָזט ווי אַ צוואַנגהעמד אויפֿן לײַב פֿון אַ מטורף. ער האָט געשפּירט דעם שרעקלעכן וויי פֿון צלילות־הדעת. אַ שטייגער מען רײַסט מיט אַ צוואַנג אַ נישט־פֿאַרטויבטן צאָן פֿון זײַן נערוו.

...פּרעלעשניק. האַרי פּרעלעשניק. אָן אַ שיעור נעמען האָט ער שוין געהאַט. נעמען אין דער אונטערגרונט. נעמען אויף געפֿעלשטע קען־קאַרטן אין געטאָ. נעמען וואָס דײַן לעבן איז געווען אָפּהענגיק דערפֿון, אַז אויב מען וועקט דיך אויף נאָך דרײַ נעכט נישט שלאָפֿן מיט אַ געשריי: „ווי רופֿט מען דיך?!" זאָלסטו באַלד קאָנען אויסרופֿן דעם נאָמען וואָס איז צופֿעליק אויף דײַן קען־קאַרטע; נעמען אין די קאַצעט־לאַגערן וואָס זענען באַ־שטאַנען פֿון בלויז ציפֿערן. נישט איין מאָל זענען די נעמען אים געקומען צו חלום אָנגעקליידטע אין גופֿים פֿון קאָשמאַרישע וואַמפּירן.

האַרי פּרעלעשניק! דער איינציקער נאָמען וואָס האָט אים צו רו געלאָזט. דער איינציקער נאָמען וועלכן ער האָט שוין געהאַט פֿאַרגעסן. זײַן אמתער נאָמען.

ער איז געשטאַנען איינער אַליין אויף דער ווײַסער לײַדיקייט פֿון דער טויטער געטאָ: נקמה. נקמה. נקמה — האָבן די קולות אין אים גערופֿן. ער האָט אויפֿגעהויבן די הענט אַקעגן זײַנע אויגן, געקוקט אויף די אויסגעשפּרייטע פֿינגער־סקעלעטן. זייער שאָטן איז געפֿאַלן אויפֿן ווײַסן שניי ווי סימנים פֿון פֿויגלטריט.

גאָט! ווײַז מיר דעם וועג צו דער אויסלייזנדיקער נקמה! — האָט ער געבעטן.

— 4 —

דער רויט־אַרמייער איז געשטאַנען לעבן דער שאָפֿערקע פֿון ערשטן אויטאָמאָביל. אַ לאַנגער מיליטער־עשאַלאָן פֿון הויך־געלאָדנטע ריזן־אויטאָמאָבילן, זיי זענען געשטאַנען אונטער די צווײַגן פֿון דער לאַנגער ביימער־שורה אויף דער זײַט פֿון שאָסיי, מיטן פּנים צום פֿראָנט.

אויפֿן הימל האָבן „מעסערשמידטס" געקלאַפּט פֿון זייער ברעגוואַפֿן ווי אין הוילע אַלומיניום־טעפּ. זיי האָבן אויסגעקוקט אויפֿן ווינטער־הימל ווי פֿאַרבלאָנדזשעטע פֿייגל וואָס האָבן פֿאַרלוירן דעם וועג צו זייער נעסט. דער רויטאַרמייער האָט געוויקלט אַ פּאַפּיראָס צווישן זײַנע פֿינגער, און בשעת ער האָט מיט אַן אַרויסגעשטעקטער צונג

געקלעפּט דאָס פּליסל־פּאַפּיר, האָבן זײַנע אויגן גלײַכגילטיק געקוקט צום הימל. אין דער הייך האָבן ברומענדיק געקרײַזט די דײַטשע פּליִערס.

דער רויט־אַרמייער האָט טיף געצויגן דעם רויך פֿון זײַן געדרייטן ציגאַרעט און געענטפֿערט צום מענטש אין קאַצעט־לבֿוש: — גוט, איך וועל דיך מיטנעמען צו דער פּראַנטליניע.

— 5 —

איבער די אייבער־שלעזישע וועגן האָבן געצויגן צוריק אַהיים מחנות־מחנות באַפֿרײַטע פֿון די דײַטשע אַרבעטס־לאַגערן: פֿראַנצויזן, יוגאָסלאַוון, טשעכן — אַ באַפֿרײַטער פֿעלקערצוג. יעדער נאַציע מיט איר פֿלאַטערנדיקער פֿאָן, געמאַכט פֿון שטיקער צעריסענעם קאָלירטן געוואַנט פֿון דײַטשע קליידער און בעטצײַג. זיי זענען געווען באַלאָדן מיט פּעק און וואַליזקעס וואָס זיי האָבן געשלעפּט מיט זיך אויף פּראָוויזאָריש געמאַכטע שניישליטנס. מחנות באַפֿרײַטע קנעכט מיט געזאַנג און הימנען. די פֿראַנצויזן, אין שוואַרצע בערעטן אויף די קעפּ, האָבן גייענדיק געטאַנצט מיט אויסגעשטרעקטע פֿלעשער אין אויפֿגעהויבענע הענט. די באַפֿרײַונג איז צו זיי געקומען. אין זייערע היימען וואַרט מען אויף זייער צוריקקער. יעדער פֿון זיי ווייסט דעם אַדרעס פֿון זײַן היים. די לאַצן פֿון זייערע מלבושים זענען אויסגעפּוצט, יעדער מיט דער נאַציאָנאַלער קאָליר פֿון זײַן פֿאָלק. באַפֿרײַונג. זיי ציִען אַהיים. אַלע, אַלע, מיט טאַנץ און געזאַנג.

דער אויטאָמאָביל האָט זיך געשניטן צווישן זיי דעם וועג ווי אין דעם מיטן פֿון אַ קאַרנאַוואַל־צוג. דער רויט־אַרמייער האָט געקוקט גלײַך דורך דער שויב און מיטן פּנים צום דרויסן געפֿרעגט בײַ זײַן שכן:

— פֿון וואַנען ביסטו?

אין דרויסן האָבן די המונים זיך פֿונאַנדערגעטיילט ווי דאָס וואַסער לעבן שנײַדיקן שאַרף פֿון אַ מאָטאָרשיפֿל. דער אויטאָמאָביל איז אַרויס פֿון צווישן די מענטשן. איצט האָט דער שאָסיי זיי אָנגעהויבן אַקעגנלויפֿן.

— פֿון וואַנען קומסטו? — האָט דער רויט־אַרמייער איבערגעחזרט זײַן פֿראַגע.

— פֿון ווײַסער געטאָ קום איך. — האָט ער געענטפֿערט.

מיט איין האַנט האָט דער רויט־אַרמייער געפֿירט בײַם מויל אַ געדרייטן פּאַפּיראָס איבער דעם שפּיץ פֿון זײַן צונג.

— ווי רופֿט מען דיך? — האָט ער געפֿרעגט.

— מײַן נאָמען איז פֿאַרברענט געוואָרן צוזאַמען מיט מײַן גאַנצער משפּחה אין אוישוויצער קרעמאַטאָריע.

די זײַטן־שײַבלעך פֿון אויטאָמאָביל האָבן געשלונגען דעם וואַלד פֿון ביידע זײַטן שאָסיי. פֿון דער ווײַטנס האָבן די פֿאַרשנייטע ביימערקרוינען אָנגעטאָן אויף זיך פּנימער פֿון זײַנע געליבטסטע און פֿון זײַנע נאָענטסטע.

דער רויט־אַרמייער האָט טיף געצויגן דעם רויך פֿון זײַן געדרייטן פּאַפּיראָס, און מיט די אויגן צום שאָסיי געענטפֿערט:

— גוט, איך וועל דיר געבן אַ מאַשינביקס.

— 6 —

זיי זענען געשטאַנען איינער אַקעגן איבער דעם אַנדערן. דער ס.ס.־מאַן מיט דעם אייבערטייל־קערפּער נאַקעט ביז דער העלפֿט. מיט אויפֿגעהויבענע הענט. דער רוקן צו דער וואַנט. פֿון זײַן אָרעמלאָך האָט אַרויסגעקוקט דער ס.ס.־צייכן איינטאַטויִרט אין לײַב.

אַקעגן איבער אים, פּנים־אל־פּנים, אַ ייִד אין קאַצעט־לבֿוש מיט אַ מאַשינביקס אין די הענט.

אין דרויסן, דורך דער אָפֿענער טיר, האָט געיובלט די רויטע אַרמיי אויף דער דײַטשער ערד. זשוקאָווס אַרמיי איז געשטאַנען פֿאַר דעם טײַך אָדער. שיכורע פֿון נצחון און וואָדקאַ האָבן זיי אויפֿגעריסן טיר און טויער פֿון די דײַטשע הײַזער, געזוכט די פֿרויען.

אויף דער ערד, לעבן די פֿיס פֿון ס.ס.־מאַן, איז געלעגן אַ געשטרײַפֿטע קאַצעט־מאַרינאַרקע, וועלכע ער האָט אויף באַפֿעל פֿון זיך אַראָפּגעצויגן.

אין וואַלד, פֿון אַ שפּיץ בוים, האָט ער געקאָנט זען ווי ס.ס.־לײַט האָבן באַגראָבן זייערע מונדירן אין דער ערד און אָנגעטאָן אויף זיך העפֿטלינג־מלבושים פֿון די געשאָסענע העפֿטלינגס וועלכע זיי האָבן אַרויסגעפֿירט פֿון אוישוויץ. אָנגעקליידטע ווי העפֿטלינגס, האָבן זיי זיך צעשפּרייט צו זייערע היימען. דאָ, פֿון אָט די שטיבער, זענען זיי געקומען.

— אומשולדיק... אומשולדיק... — האָט דער דײַטש געבעטן.

דורך דעם שוואַרצן פֿירקאַנט פֿון געעפֿנטן קעלער אויף דער ערד האָט אַרויסגעוויינט דאָס דײַטשע קינד. דאָרט האָט די ס.ס.־משפּחה זיך פֿאַרשטעקט. נאָר ער האָט געוווּסט ווו זיי צו זוכן. פֿון די דײַטשן האָט ער דאָך דאָס געלערנט. די ערשטע איז פֿון דאָרט אַרויס אַ יונגע דײַטשקע. זי האָט באַלד אַרויסגעהאַנגען אויף אירע ווײַסע ציין אַן אָנגעבאָטענעם זנות־שמייכל. אַקעגן איבער דער אַרויסגעשטעלטער מאַשינביקס אין די הענט פֿון אַן אוישוויצער סקעלעט, האָט זי געשאַרצט דאָס קלייד וואָס אַ מאָל העכער איבער אירע ווײַסע אייבערשענקלען.

איצט ליגט זי דאָרט אויפֿן בעט, אין דערנעבנדיקן צימער. אָנגעפֿלויגענע מיליטער־לײַט ווי שנײַדיקע סטעפּווינטן מיט רויט־צעפֿלאַטערטע קאָלפּאַקן אויף די קעפּ, מיט אָטעמס פֿון ווײַטן סיביר, האָבן זי באַלד דאָרט אַהין אַרײַנגעכאַפּט.

— אומשולדיק... אומשולדיק...

אויף דער וואַנט, הינטער די נאַקעט אויפֿגעהויבענע ס.ס.־הענט, האָט דער אומרו פֿון וואַנטזייגער זיך באַוויגן אַהער און אַהין, אַהער און אַהין.

ער האָט געוואָלט אויסשרײַען צו די ס.ס.ישע אויפֿגעהויבענע הענט: קוק! זע! איך בין אַ יודע! אַ דרעקישער פֿאַרלײַזיקטער יודע! אַן אונטערמענטש! און דו ביסט אַלמעכטיק, דו ביסט העלדיש. גאָט פֿון דער וועלט! הערשער פֿון דער ערד! שרײַ אַז דו ביסט אַ מענטש! און איך וועל קאָנען זען אַז דײַן בלוט איז רויט ווי דאָס בלוט וואָס דו האָסט פֿאַרגאָסן. שרײַ צו מיר מיט דײַן דײַטשגעשריי ווי נעכטן, ווי אייערנעכטן, כּדי איך זאָל קאָנען שיקן אין דיר דאָס פֿײַער פֿון דײַן קרעמאַטאָריע — —

פֿון דרויסן, דורך דער אָפֿענער טיר, האָט אַ קוילנזאַלפּ זיך אַרײַנגעזאָפּט אין דעם נאַקעטן אייבערלײַב מיט אויפֿגעהויבענע הענט. דער סקעלעט אין קאַצעט־בגד האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ. צעפֿלאַטערטע אַרמיי־לײַט זענען געשטאַנען אין דער אָפֿענער טיר, די מאַשינביקסן אין זייערע הענט האָבן געראַוכערט: — מיידלעך זענען דאָ פֿאַראַן? — האָבן זיי צו אים אויסגעשריגן.

אויף דער וואַנט איז געבליבן הענגען אַ בלוט־צעשפּריצטער פּלעק. דער אומרו פֿון זייגער האָט זיך איבער דעם פּלעק באַוויגן אַהער און אַהין. אַהער און אַהין.

ער האָט אויפֿגעהויבן די קאַצעט־מאַרינאַרקע פֿון דער ערד. זי איז געלעגן לעבן

אַ קאַלוזשע בלוט. לעבן דעם פֿריִערדיקן אויסגעטריקנטן בלוטפֿלעק פֿון אַן אומבאַקאַנטן דערשאָסענעם אוישוויץ־העפֿטלינג, פֿון וועמען אַט די מאַרינאַרקע איז געוואָרן אַראָפּגעצויגן, האָט זיך איצט געשפּרייט אַ פֿרישער בלוטפֿלעק. די צוויי בלוטפֿלעקן האָבן כּמעט אָנגערירט איינער דעם אַנדערן.

ער האָט געקוקט אויף דעם אוישוויץ־נומער וואָס אויף דער מאַרינאַרקע. זעקס ציפֿערן. די זעלבע סעריע ווי אויף זײַן מאַרינאַרקע. צוויי יאָר איז דער וואָס האָט די מאַרינאַרקע געטראָגן געווען אין אוישוויץ. איינער פֿון יענע וועלכע די דײַטשן האָבן געטריבן צום טויטמאַרש דורכן וואַלד. אויף דער שוועל פֿון דער פֿרײַ האָט יענער געפֿונען דעם טויט אין וואַלד.

ער האָט צוריק אַראָפּגעלאָזט די מאַרינאַרקע צו דער ערד. ווען ער אַנטלויפֿט נישט באַצײַטנס אין וואַלד וואָלט אפֿשר זײַן מאַרינאַרקע איצט געלעגן אויף דעם אָרט.

ער האָט אויפֿגעהויבן דעם בליק. אויף דער צווייטער זײַט פֿון פֿענצטער איז געשטאַנען אַ ליידיקער בלומענטאָפּ, באַדעקט מיט ווײַסן שניי. אַ דורכזיכטיקער פֿאָרהאַנג איז געהאַנגען אויפֿן פֿענצטער, און דורך די אותיות־לעכער „איין פֿירער — איין פֿאָלק", וואָס איז געווען אויסגעשטיקט אין מיטן פֿון דעם פֿאָרהאַנג, האָט צו אים אַרײַנגעקוקט ווײַסער הימל.

אין דרויסן האָט געפֿלייצט די רויטע אַרמיי ווי אַ געוויטער פֿון בערג. שווערע פּאַנצערס. אַרטילעריע. ריזנטאַנקן. אָפֿיצירן אין גאַלאָפּ אויף צעהירזשעטע פֿערד, מיט ווײַס־רויטע קאַלפּאַקן אויף זײַטן־קעפּ. פֿײַער־צעפֿלאַמטע פּנימער פֿון פֿראָסט, שנאַפּס און נצחון. אײַזן. אײַזן. אײַזן. אַן אויפֿהער. אַן צאָל. פֿאָרויס. פֿאָרויס. צום מאַרש אויף בערלין.

ער האָט מער נישט געקאָנט הערן דאָס קינדגעוויין פֿון אָפֿענעם קעלער וואָס האָט זיך צו אים געטראָגן פֿון איין זײַט, און די שיכּורע אַרגיע־קולות מיט דער דײַטשקע אין דערבײַיקן צימער פֿון דער אַנדערער זײַט. ער איז דאָ פּלוצלינג געווען אַ מוראדיק פֿרעמדער. אַן איבעריקער. אַן איינזאַמער. ער געהערט דאָ נישט צו קיינעם, און קיינער געהערט דאָ נישט צו אים. ער האָט נישט געפֿילט קיין טעם אין נצחון, ווי ער האָט נישט געפֿילט קיין טעם אין דער נקמה.

ממש אַזוי האָט אויך געוויינט דאָס קינד אין געטאָ־באַהעלטעניש איידער מען האָט עס דערשטיקט. ער האָט נישט געוווּסט פֿאַר וואָס פֿרייט אים נישט דער נצחון, און פֿאַר וואָס פֿרייט אים נישט די נקמה.

— 7 —

אויף די וועגן איז געלעגן אַ בלאָטיקער שניי. זײַנע פֿיס האָבן געטראָטן אויף לײַבער פֿון דײַטשע סאָלדאַטן, וואָס טויזנטער ריזנטאַנקן האָבן שוין איבער זיי געהאַט אַריבערגעוואַלצט. לײַבער, אויסגעפּלאַכטע, דין ווי פּאַפּיר, אַרײַנגעפּלאַסטערטע אין דער בלאָטיקער ערד. בלויז די האָר אויף זייערע אויפֿגעפּלאַצטע ברוסטן האָבן געקוקט צום הימל מיטן צעטראָטענעם זכר פֿון אַ מענטשלעכן צלם. לענגאויס די וועגן, אויף רעכטס און לינקס, האָבן זיך געהויבן אויסגערייכערטע ווענט מיט סימנים פֿון פֿענצטער. חורבֿע שטעט און שטעטלעך.

ער איז געגאַנגען. דער ווינט האָט געבלאָזן אויף זײַנע ביינער דורך דעם קאַצעט־לבֿוש. דער צעגאַנגענער שניי האָט גענעצט זײַנע פֿיס. ער האָט איצט געטראָגן אין זײַנע הענט די שווערע מאַסע פֿון איינזאַמקייט און דעם אומפֿאַרשטענדלעכן סוד פֿון נקמה.

אין זײַנע אויערן האָט זיך ווידער אַ מאָל צעשריגן דאָס געוויין פֿון ייִדישן קינד

אין געטאָ־בונקער, בשעת אייגענע הענט האָבן עס דערשטיקט אין דער פֿינצטערניש. נישט דאָס געוויין, נאָר דאָס פּלוצעמדיקע פֿאַרשוויגן ווערן פֿונעם קינד האָט געשריגן אין זײַנע אויערן. צי וואָלט דאָס בלוט פֿון דײַטשן קינד אין קעלער געקאָנט כאָטש אויף אַ רגע אײַנשטילן דעם געשריי פֿון ייִדישן קינד אין זײַנע אויערן? בלוט פֿון רוצח קאָן אָפּוואַשן דעם בלוטפֿלעק וועלכן דער גואל־הדם טראָגט אויף זײַן לײַב. נאָר צי ווערט בלוט אויך קאָנען אָפּוואַשן אַזאַ בלוט וואָס הינטער אים איז מער קיין לײַב נישט פֿאַראַן?

אַרום אים איז געווען ליידיק. ס׳איז קיינער מער נישט געווען צו וועמען ער זאָל איצט קאָנען קומען מיט זײַנע הענט אײַנגעטונקטע אין בלוט פֿון רוצח.

עס האָט אים אַרומגענומען אַ בענקשאַפֿט צו אַ באַקאַנט פּנים, אַ מענטשלעך פּנים, אַ פּנים פֿון אַ מאָל. ער האָט געוווּסט אַז ער געפֿינט זיך איצט אין דער מיט פֿון אַן אויסגעשפּרייטן טויטן ים. צי ווערט שוין קיין מאָל אין אים נישט אָפּשטילן דאָס געבריל נאָך נקמה ווי עס קאָן נישט ווערן אָפּגעוואַשן אַ טײַך מיט בלוט?

זײַנע פֿיס האָבן אים געפֿירט, ווי זיי וואָלטן געגאַנגען נאָך אַ קול וואָס רופֿט צו אים.

אַקעגן אים האָבן זיך פֿאַרבײַגעשלעפּט אויף פּויערישע פֿערד און וואָגן הינטער־געבליבענע רוסישע סאָלדאַטן. זיי האָבן שיכּורע צו אים געגרופֿן פֿון די וועגעלעך:

— העי, אימעיעש טשאַסי?.. העי, דאַוואַי וואָדקו!..

ווּ זאָל ער זוכן די נקמה? און וועלכע נקמה וועט אים צוריקגעבן דאָס וואָס ער זוכט?

אויף די הײַזקעס, אין די אייבער־שלעזישע דערפֿער, זענען איצט געהאַנגען רויט־ווײַסע פּוילישע נאַציאָנאַלע פֿענער. ער האָט געוווּסט אַז נישט איינער פֿון די אוישוויצער ס.ס.־מענער איז אין אָט די הײַזלעך אויפֿגעוואַקסן, און פֿון אָט די שטיבער געקומען. איצט הענגען דאָרט אויף די ווענט אַנשטאָט דאָס בילד פֿון פֿירער, בילדער פֿון פּוילישע פֿרײַהייט־קעמפֿערס; און די ווײַבער, וואָס זייערע מענער טרײַבן נאָך אין דער איצטיקער מינוט ייִדישע העפֿטלינגס פֿון אוישוויץ קיין טיף דײַטשלאַנד, האָבן פּלוצלינג פֿאַרגעסן זייער ראַסן־ערע. חניפֿהדיק, מיט צעבראָכענע פּויליש־סלאַווישע ווערטער, אַרויסגעזוכטע פֿון זכּרון, שטופּן זיי איצט אין די בעטן זייערע נאַקעטע לײַבער צו די שיכּורע רוסישע סאָלדאַטן.

ער איז געגאַנגען איבער איינזאַמע וועגן. אַ נאַסער ווינטער־הימל איז געלעגן שווער און טריב איבער די אויסגעברענטע ווענטשפּיצן פֿון חורבֿות. דער אָוונט האָט זיך אָנגעהויבן אַראָפּלאָזן איבער די בלאָטיקע פֿאַרלאָזענע שלאַכטפֿעלדער. ס׳איז דאָ פֿאַר אים אין ערגעץ מער נישט געווען אַפֿילו אַ שטיין וואָס זאָל אים צו זיך רופֿן מיט דער אינטימקייט פֿון רו, אויף וועלכן ער זאָל איצט קאָנען דעם קאָפּ אַוועקלייגן.

ער האָט אויפֿגעהויבן די אויגן צום זיך לעשנדיקן האָריזאָנט. אויף דער גאַנצער וועלט איז איצט נישט געווען אַ טיר וואָס וואַרט ער זאָל זי עפֿענען.

דער טריבער נאַסער הימל האָט זיך אַראָפּגעלאָזט ביז צו זײַנע אַקסלען, און ווי דאָס אַרויסגעשטעקטע אויג פֿון אַן אונטערוואַסער־שיפֿל, אַזוי האָט זײַן קאָפּ איצט געשניטן פֿאַר זיך אַ וועג אין דעם מיטן פֿון טריבן הימל.

זײַנע פֿיס האָבן אים געפֿירט. ער איז זיי נאָכגעגאַנגען. ווו, אין אַ מענטש געפֿינען זיך די ראַדאַר־אויערן וואָס נעמען אויף דעם קול פֿון גורל וואָס רופֿט צו אים? הינטער אים איז געלעגן סדום ועמורה. ער האָט נישט אויסגעדרייט דעם קאָפּ אויף צוריק. ער איז געגאַנגען.